א ליכטיגן תמיד
אידיש
פנים מאירות
אננעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

# אור הבוקר

יום ג' פרשת נשא תשפ"ב

## צוויי עבודות; געשמאקע אידישקייט - מצוות לאו ליהנות ניתנו

דער הייליגער מונקאטשער רב זצ"ל ברענגט אין די וואכעדיגע סדרה (ד, מז): כל הבא לעבוד עבודת עבודה ועבודת משא - יעדער וואס ער קומט טון די עבודה אין די בית המקדש, ביי די לוים, שטייט 'עבודת עבודה' און 'עבודת משא'. זאגט רש"י: עבודת עבודה, דאס איז מען זינגט במצלתים וכנורות, מיט די אלע כלי זמר וואס מען האט געזינגען אין די בית המקדש. עבודת משא איז כמשמעו, די עבודה פון טראגן פעקליך. זאגט דער הייליגער מונקאטשער רב, אז עס איז דא צוויי מיני עבודות, עס איז דא איינער וואס זיין עבודה איז, ער זינגט זיך אונטער ניגונים, ער איז זיך מתעורר דורך זינגן צום הייליגן באשעפער, ווערט ער בענקענדיג צום הייליגן באשעפער, עס מאכט אים פרייליך און בענקענדיג, עס ברענגט אים אן עבודת ה'. עס איז דא א צדיק וואס ער וויל נישט טון די עבודת ה' דורך די וועג, ווייל דאס האט דאך אביסל א תענוג, ער דינט דעם אייבערשטן מיט א בחינה פון יראה, מיט א גרויסע לאסט, לעול על צווארו, ווי עס שטייט אין די גמרא ראש השנה אין רש"י (כח. - מצוות לאו ליהנות ניתנו, לישראל להיות קיומם להם הנאה אלא לעול על צואריהם ניתנו), זאגט דער מונקאטשער רב, אז דער באשעפער זאגט,ביידע עבודות איז אן עבודה, עס איז דא אן עבודה פון לעבוד עבודת עבודה, זיין עבודה איז זינגן, און זיך צוברענגען דורך נגינים, ניגוני של שמחה, ניגוני של התעוררות, צו עבודת ה'. און עס איז דא עבודת משא, עס איז דא איינער וואס ער האט אזא כח איבער זיך, אז ער קען דינען דעם אייבערשטן מיט א לאסט, מיט אן עול, ער דארף נישט דווקא קיין ניגונים וואס זאל אים מעורר זיין. און ביידע איז די ריכטיגע עבודה.

## יעדע עבודה - אן עבודת הקודש

א יעדע איד דארף וויסן, אויב א ווארימע ניגון, אויב א שמחה'דיגע ניגון,

דאס איז דיך מעורר לעבודת ה', לעב זיך אריין דערין. די תורה הקדושה זאגט, אז עס איז דא א איד וואס ער קען דינען דעם אייבערשטן בשמחה, פריילך און לעכטיג, דורך נעמען אויף זיך די עול פונעם הייליגן באשעפער, איז דאס דיין עבודה, יעדעמ'ס עבודה איז אן עבודת הקודש, דאס ברענגט אונז ארויס די פסוק.

א יעדעמ'ס עבודה איז הייליג און טייער ביים הייליגן באשעפער, ווייל די צד השוה איז, אונז וויל מיר דינען דעם אייבערשטן, און ממילא דארף מען ארויפקוקן יעדעמ'ס עבודה, יעדער מענטש האט זיך זיינע נאטורן, זיינע כאראקטורן, יעדער מענטש האט זיך זיין וועג פון טראכטן, יעדער האט זיין חינוך און זיינע ספרים וואס ער לערנט, און לויט דעם דינט ער דעם אייבערשטן. די עיקר איז איין זאך: דינען דעם הייליגן באשעפער מתוך שמחה, ומתוך רחמים וחסדים, באהבה ביראה ובשמחה.

## 'שעשה לי כל צרכי' - דאס וואס איך האב

עס איז דא די באקאנט מעשה, אז די חבריא קדישא אין סטרעליסק, האבן געלעבט אין א גרויסע עניות, און קיינער האט זיך נישט דערוואקט ציצוגיין צום שרף פון סטרעליסק און רעדן צו אים עניני פרנסה, ביז עס איז געקומען איינער פון די חבריא, און ער האט געטראכט, אז עס איז שוין כלו כל הקיצין, מען מוז מעורר זיין דעם רבי'ן, און ער האט מעורר געווען די חבריא, און מען האט מחליט געווען, אז נאך פארן דאווענען גייט מען אריינגיין צום הייליגן שרף, און אים מעורר זיין, 'וואס וועט זיין די תכלית מיט די חסידים?'.

מען איז אריינגעקומען צום הייליגן סטרעליסקער, און ער פרעגט: "וואס ווילן ענק, דווקא פארן דאווענען?!". האט זיך דער ראש החבריא אנגערופן: "רבי, מען גייט זיך שטעלן דאווענען, און מען גייט מאכן די ברכה 'שעשה לי כל צרכי', וויאזוי קענען מיר מאכן די ברכה, ווען מיר ווייסן אז אינדערהיים איז ליידיג, עס איז נישט דא קיין ברויט, קיין מילך, קיין פיטער, קיין קליידונג, עס איז געפערליך דאס עניות, וויאזוי קען מען מאכן די 'שעשה לי כל צרכי'?!".

האט זיי געענטפערט דער הייליגער סטרעליסקער, מיט אזא ווארימקייט: "מיינע טייערע תלמידים, אונז לעב מיר אין אמונה שלימה, אין אמונה פשוטה, אז דאס וואס מיר האבן, דאס איז 'כל צרכי', וואס דער אייבערשטער גיבט, דאס איז וואס איך דארף, נישט מיינע רצונות, איז וואס איך דארף, וואס דער הייליגער באשעפער גיבט מיר, דאס איז וואס איך דארף, מיט שמחה נעמט מען וואס דער הייליגער באשעפער גיבט!".

א איד גייט אריין אין זיין קאך, און ער זעט דארטן אין די פריזידער, עס איז דא דאס און דאס, און ער גיבט א קוק, עס איז דא וואס עס איז יא דא, און עס איז דא זאכן וואס עס איז נישט דא, וואס טראכט ער? עס פעלט מיר די זאכן. זאגט דער הייליגער סטרעליסקער: ניין! דו כאפסט נישט! די זאכן וואס עס איז דא, די מילך, די אראנזש זשאס, דאס האט דיר דער הייליגער באשעפער געגעבן א מתנה, דאס איז דיינס פונעם באשעפער. דאס וואס פעלט, איז נישט דיינס, דער הייליגער באשעפער זאגט, דו דארפסט

עס נישט, און אז דער הייליגער באשעפער זאגט דו דארפסט עס נישט, פעלט עס דיר נישט.

א איד דארף זיך אויסלערנען און אריינהארעווען - יא יא, עס איז א שווערע הארעוואניע - און זאגן פאר זיך, און רעדן צו זיך, און גלייבן פאר זיך: וואס איך האב, דאס האט מיר דער הייליגער באשעפער געגעבן, און דאס דארף איך מחשיב זיין, און זיך פרייען דערמיט, און ווען מען נעמט ארויס די זאכן וואס מען האט, דארף מען קוקן דערויף מיט א געוואלדיגע חשיבות, מיט א געוואלדיגע הכרת הטוב, "די עפל האט מיר דער הייליגער באשעפער געגעבן, דאס איז מיין עפל פונעם הייליגן באשעפער!", מען דארף מאכן די ברכה 'שעשה לי כל צרכי' אויף יעדע זאך וואס דו האסט אין שטוב, און ווען עס קומט דער יצר הרע און ער זאגט: אבער דאס האסטו נישט, אבער דאס האסטו נישט, נעמסטו דיינע כוחות פון אמונה פשוטה, און דו זאגסט: דאס וויל נישט דער אייבערשטער מיר געבן, ווייל עס איז נישט מיינס, און איך דארף עס נישט, איך בין מיך מבטל מיינע רצונות צום רצון ה', עס איז נישט מיינס, דער הייליגער באשעפער האט מיר עס נישט געגעבן!

יעדע צופרי ווען דער באשעפער גיבט דיר צוריק דיין נשמה, דו ווייסט וואסערע מעסעדזש דו באקומסט פונעם באשעפער? דער באשעפער זאגט דיר: מיין קינד, איך דארף דיך אויף דער וועלט! איך האב דיר צוריקגעגעבן די נשמה, ביסט א נייער מענטש, חדשים לבקרים רבה אמונתיך, עס האט גארנישט מיט נעכטן, דו ביסט נישט אויפגעשטאנען היינט צופרי ווייל דו האסט זיך נעכטן געלייגט, דו ביסט אויפגעשטאנען היינט צופרי ווייל דער הייליגער באשעפער האט דיר אויסדערוועלט אז דו זאלסט אים היינט דינען, ער וויל דיך האבן אויף די וועלט! דאס איז די גרעסטע חיזוק וואס א איד דארף צו האבן. שפרינג ארויס פון בעט פרייליך, טו דיין עבודת ה', טו דיין עבודת הקודש, טו די רצון הבורא וואס דו דארפסט היינט טון, ווייל דער הייליגער באשעפער האט גענומען דיין נשמה, און ער האט דיר געזאגט: מיין טייער קינד, שטיי אויף, טו דיין עבודה, איך האב דיר היינט אויסדערוועלט צו זיין אויף דער וועלט און טון די רצון הבורא ית"ש!

## קען מען דען אפשאצן א אידישע נשמה?

עס איז געווען פאר די צווייטע וועלט מלחמה, עס האט שוין געבושעוועט די ווינטן פון השכלה, ליידער ליידער, אויף די גאנצע וועלט. עס איז געווען א איד וואס זיינס א טאכטער האט זיך אנגעטשעפט מיט שלעכטע חברטעס, נעבעך, זיין קינד איז געווען איינע פון זיי, און די טאטע און די מאמע האבן זיך ממש געבעטן ביים קינד: 'טו דאס נישט! אונז וועל מיר דיר אלעס צושטעלן! די תורה הקדושה איז דאך אזוי זיס!' אבער עס איז נישט געווען מיט וועם צו רעדן.

דער איד איז געווען א פארצייטישער איד, ער האט ארויסגעטראסקעט די טאכטער פון שטוב, 'גיי, איך וויל דיך נישט האבן אין שטוב אזוי!'.

דער איד איז געווען א חסיד פון רבי ישראל הוסיאטענער זצ"ל, אן אייניקל פונעם הייליגן רוזינער זי"ע. דער איד פלעגט נישט שרייבן אין די קוויטל צום

הוסיאטענער אלע נעמען פון די קינדער, ער פלעגט נאר שרייבן זיין נאמען און זיין ווייבס נאמען, און געשריבן ואת כל יו"ח, כדי צו מאכן קורץ ביים רבי'ן, דאס מאל האט ער יא ארויסגעשריבן אלע נעמען, און אויסגעלאזט די נאמען פונעם טאכטער וואס ער האט אוועקגעשיקט פון שטוב.

אזוי מען האט געברענגט די קוויטל צום רבי'ן, האט זיך אנגערופן דער הוסיאטענער: עס פעלט דאך איינע פון די קינדער. דער איד שטייט דארטן, און ער פארציילט פארן רבי'ן, אז זיין טאכטער האט נעבעך פורק עול געווען, און ער האט איר ארויסגעווארפן, ער וויל נישט בשום אופן האבן מיט איר שייכות, און ממילא איז עס נישט זיין טאכטער, האט עס נישט פלאץ צו קומען אין די קוויטל.

דער הייליגער הוסיאטענער האט געגעבן מיט א ווארימקייט און הארץ, א קוק אויף דעם איד, און אים געזאגט: "ווער האט דיר געגעבן א רעכט צו פסק'ענען אז די יחוס פון דיין טאכטער, איז שוין נישט דיין טאכטער?! וואס פארשטייסטו צו א נשמה קדושה?! וואס ווייסטו פון ווען דער הייליגער באשעפער האט הנאה? וואס ווייסטו וואס דער הייליגער באשעפערס רצון איז? אזוי צו געבן א פסק'ן אפ, אז עס איז נישט דיין טאכטער? ווי נעמט זיך צו א איד אזא אחריות?!". אזוי האט דער הוסיאטענער געזאגט.

עס האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט קריג, און טויזענטער טויזענטער אידן זענען פארברענט געווארן אויף קידוש ה' הי"ד, דער איד האט זוכה געווען איבערצולעבן די קריג און ער איז אנגעקומען אויף אמעריקא, ער איז אנגעקומען אויף אמעריקא האט ער זיך נאכגעפרעגט וואו מען קען גיין, האט מען אים געזאגט, אז עס איז דא דארטן א גרויסע דירה, א גרויסע הכנסת אורחים.

ער קלאפט אויף די טיר, און מען האט אים אויפגענומען מיט א לעכטיגקייט, מען האט אים געגעבן א שטוב, און מען האט אים געגעבן צו עסן, און פארשטייט זיך אז עס זענען געקומען און געגאנגען נאך פליטים, און די בעל הבית'טע פלעגט כסדר פרעגן וואס נאך מען קען אים צושטעלן, און אזוי ווי ער האט געזען די בעל הבית'טע, האט דאס אים געגעבן עפעס א בליץ, ערגעץ קען ער די פרוי, און זי קומט נאכאמאל, ער איז דאך געווען דארט פאר א פאר טעג, און כסדר האט עס אים געהאלטן אין איין בליצן, ער קען די פרוי פון ערגעץ.

איין טאג פרעגט ער מיט איידלקייט און ער זאגט: "בעל הבית'טע טייערע, איך מעג פרעגן ווער איר זענט, וואס איז אייער מיידל נאמען?", האט זי געענטפערט ווער זי איז. "ווער איז געווען דיין טאטע, ווער איז געווען דיין מאמע?", און זי פארציילט.

עס האט אים געשווינדערט, דאס איז געווען זיין טאכטער וואס ער האט ארויסגעווארפן פון שטוב! ער איז געווען נתרגש און צוביסלעך האט ער געגעבן א זאג: "מיין טייערע טאכטער, דאס איז דיין טאטע!", ער האט איבערגעלעבט די קריג, ער איז דא! די אנדערע משפחה מיטגלידער האבן נישט איבערגעלעבט די קריג.

דא האט דער טאטע געטראפן זיין טאכטער, וואס זי איז די גרויסע בעלת מכניס אורחים אין אמעריקא, וואס האט אויפגענומען אזויפיל אידן, אריינגערעכנט איר אייגענע טאטע.

ער פרעגט איר מיטן נאמען: "טאכטער טייערע, ווי ביסטו אנגעקומען צו דעם?".

האט זי פארציילט, אז זי איז טאקע אראפ פון וועג, און זי איז געפארן אויף אמעריקא, און זי האט זיך געטראפן מיט א איד וואס ער איז אויך נעבעך אראפ פון וועג, און זיי האבן חתונה געהאט, אבער אין די רגע וואס זיי האבן געהערט די רציחות וואס די דייטשן מיט די אונגארישע, די רוסיש,ע טוען מיט די כלל ישראל, האט עס זיי געגעבן א ברען אויף זייער נשמה הקדושה והטהורה, זייער אידישע פונק, און זיי האבן שנעל תשובה געטון און אויפגעשטעלט א אידישע שטוב, און מחליט געווען אז זיי גייען העלפן די אלע פליטים. און יעצט איז זי אזוי פרייליך אז איר טאטע איז דא, און איר טאטע זעט איר מיט אזא הערליכע שיינע אידישע שטוב, און ער טרעפט זיין טאכטער מיט זיין איידעם, ווי אברהם אבינו און שרה אמינו האבן אן 'אשל' וואו אידישע קינדער, די צעבראכענע צעקלאפטע אידן וואס קומען אהיים פון די קריג, האבן וואו צו באקומען עסן און טרינקן, א ווארימקייט און א גוט ווארט.

דער הוסיאטענער האט געזאגט: אונז קען מיר זיך ווארפן מיט נשמות? אונז ווייס מיר וואס יעדע נשמה איז? אונז ווייס מיר וואס די רצון הבורא ית"ש אין הימל איז? מיר פארשטייען נישט, מען פרעגט נישט קיין קשיות, אבער די טאכטער האט זיך פארכאפט אין די השכלה, אנטלאפן אויף אמעריקא, און דער הייליגער באשעפער האט אזוי צוגעפירט, און די סוף איז געווען, אויפגעשטעלט א אידישע שטוב, גרעאטעוועט צענדליגע און הונדערטע אידישע נשמות קדושות וטהורות, וואס זענען אנגעקומען צעבראכן צעקלאפט אן קיין משפחה אויף אמעריקא, וואס די נסיונות דא זענען געווען לא יאומן כי יסופר, אבער אז מען באקומט אזא ווארימע אויפנאמע, אזא פרייליכע אויפנאמע, דאס גיבט חיזוק צו בלייבן א איד, און דאס האט געטון די טאכטער וואס ער האט נישט געוואלט שרייבן די נאמען אינעם קוויטל...

די מוסר השכל פון דעם איז דאך מורא'דיג! דאס איז סיי ברוחניות סיי בגשמיות, א יעדע איד דארף גלייבן 'אלקי, נשמה שנתת בי טהורה' איך בין א נשמה קדושה, און יעדער איד איז א נשמה קדושה, מכבד זיין אידן, ליב האבן אידן, זיך אויפהייבן, נישט פאלן אין קיין יאוש, נישט פאלן אין קיין עצבות, נישט פאלן אין קיין מרה שחורה.

מען זאל פועל'ן כל מיני ישועות, מען זאל זען כל מיני ישועות, אך טוב וחסד און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

**קול פנים מאירות:** שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א
**צענטראלע נומער:** 845-414-0076 | **א"י:** 072-370-1823 | **ענגלאנד:** 0330-350-3190 |
**ארגענטינע:** 5411-2152-7691 | **אנטווערפן:**323-346-0673 | **מאנטריאל:**438-228-2500

# אור לנתיבתי

## רעדן נאטורלעך

**א אינגערמאן האט אנגעפרעגט: איך האב א נאטור, אז ווען איך רעד צו אנדערע מענטשן פנים בפנים, מוטשע איך מיך זייער שטארק, אז אנשטאט אויסצוהערן יענעם, בין איך פארנומען: זאל איך אים קוקן אין אויג אריין? וואס גייט יענער טראכטן? זאל איך אים קוקן אויפן מויל? זאל איך אים בכלל אנקוקן? זאל איך אוועקקוקן? וואס טראכט יענער? איך הער אים אויס געגוג ווארעם? אפשר שפירט ער אז איך מאך אים אוועק? און טאמער יענער זאגט נאך עפעס א תורה אדער א מעשה, און איך האב נישט קיין אינטערעסע, אדער איך ווייס שוין די מעשה, אדער איך קען שוין די תורה, בין איך פארנומען א גאנצן צייט צו טראכטן: יענער כאפט אז איך ווייס? יענער כאפט נישט? בקיצור איך בין זייער שטארק פארנומען מיט די חיצוניות'דיגער קשר, און איך בין נישט מצמצם די קאפ צו וואס יענער זאגט. ווען איך רעד אויפן טעלעפאן בין איך מער רואיגער און מער מצומצם, ווי ווען איך רעד פנים אל פנים. די זעלבע זאך קלאפט עס אויס, ווען איך לערן מיט א חברותא. עס איז מיר סאך באקוועמער צו לערנען בחברותא אויפן טעלעפאן, ווי צו רעדן פנים בפנים.**

איידער מיר וועלן צוגיין צום תשובה אויפן עצם שאלה, וועלן מיר ארויסברענגען א נקודה, וואס מיר האבן פארשטאנען פון די שואל'ס ווערטער, בדרך צחות. דער הייליגער באשעפער האט געמאכט היינטיגע צייטן א נסיון, וואס רופט זיך טעקסט; אימעילס און מעסעדזשעס, אויף די אלע מיני וועגן, וואס אונז בעט מיר דעם הייליגן באשעפער זאל שוין אריינגעבן א רוח טהרה, אז אלע אידן זאלן זיך פון די אלע טעכנאלאגישע כלים אפלאזן, אבער בכל אופן, איז די מציאות וואס מען זעט זייער שטארק אויף די וועלט, איז די קומיניקאציע פון מענטשן איז געווארן אז מען רעדט אל עצים ואבנים, עס קען אמאל זיין אפילו א פארפאלק, וואס זיי רעדן צווישן זיך דורך זיך שיקן מעסעזשעס; צו טעקסט; צו אימעיל צו קולות מעסעדזשעס, וואס מען הערט די קול, ווי אזוי עס זאל זיין.

איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען וויאזוי זייער קשר ארבעט, ווייל דער רבוש"ע האט באשאפן, אז בדרך הטבע קומט ארויס די אהבה אחוה שלום וריעות, די בע'טעמ'טקייט ווען מען רעדט זיך אדורך פנים בפנים, אזוי קומט אן צו א תכלית, און מען קען זיך גוט ארויסברענגען, אזוי איז דאך געווען ווען וועלט איז געווען וועלט. איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען וויאזוי מענטשן האבן אפילו אן אפעטיט צו די אלע קשרים, איך האב עס פשוט נישט פארשטאנען. מיט די שאלה פון דעם אינגערמאן, האב איך עס יא פארשטאנען... ווייל דורך

די אלע הייגטיגע קאמיוניקאציע מיטלען, קען מען זאגן זאכן אן טראכטן וואס יענער גייט שפירן, אן ארייגטראכטן וואס יענער וועט טראכטן, מען קען זיך ארייגזאגן איינער פארן צווייטן, מען קען אפילו געבן א קאמפלימענט, וואס פנים אל פנים פארגין איך עס אים נישט, אבער על עצים על אבנים פארגין איך עס יא.

אבער פון די אנדערע זייט זעט מען פון די שאלה וואס דער אינגערמאן פרעגט, די חסרון פון נישט קיאמיגוקירן, זיך מקשר זיין פנים אל פנים. א קשר פון פנים אל פנים איז א הארץ קשר. א הארץ קשר קען נישט קומען אויף קיין שום אנדערע אופן ווי בדיבור, דער הייליגער באשעפער האט געגעבן דאס דיבור פאר א מענטש, די חכמה בינה ודעת ליגט אינעם דיבור.

בכל אופן, צוריק צו דער אינגערמאנס שאלה... די תשובה אויף דעם איז אזוי:

די אלע מיני מחשבות וואס ער האט, אונז רעדט מיר דאך פון דעם, אויף די אנעקזייעטי שיעורים (73 פונעם הויפט ארייגאנג) און אויף טרעפן מיין צופרידענע ציל אין לעבן (16 פונעם הויפט ארייגאנג) און נאך אנדערע שיעורים וואס אונז האבן דא בעבודת ה', וואו מען רעדט אסאך פון די ענינים פון טראכטן וואס יענער גייט זאגן, ביי די פרקי עבודת ה' (קנעפל 6) האבן מיר אסאך שמועסן אויף דעם, וכדומה. אבער אין קורצע ווערטער דארפן מיר מסביר זיין פאר דעם איד, און פאר אלע אידן וואס מוטשענען זיך מיט די פראבלעם, א וויכטיגע נקודה:

די טבע פון א מענטש איז, אז ווען צוויי מענטשן רעדן צוזאמען, און יענער רעדט זאכן וואס אינטערעסירט דיר נישט, און דו רעדסט זאכן וואס אים אינטערעסירט נישט, איז מען נישט מצמצם געהעריג די קאפ. זייער ווייניג מענטשן אויף די וועלט זענען מצמצם זייער קאפ, צו הערן און מיטהאלטן וואס יענער זאגט, ווען דו האסט נישט קיין עכטע אינטערעסע דערין. ווען דו שמועסט אדורך א זאך וואס איז דיר נוגע למעשה, און יעדער ווארט וואס יענער זאגט איז דיר נוגע, וועסטו נישט זיין פארנומען מיט די אלע מחשבות, ווייל דעמאלסט ביסטו מצומצם: 'איך וויל הערן וואס ער זאגט, איך דארף דאס האבן פאר מיין הצלחת החיים, פאר די צוועק וואס איך האב עס געפרעגט'. ניין און נייציג פראצענט פון די פראבלעם, איז נאר דעמאלסט ווען מען שמועסט צווישן זיך על הא ועל דא.

און ממילא דאס אליין דארף דיך שוין בארואיגן: וואס א חילוק וואס יענער טראכט, און וואס א חילוק וואס יענער מאכט א נפקא מינה, און וואס א חילוק וויפיל דו הערסט אויס, אזוי איז די טבע פון מענטשן, מען שמועסט אהער, מען שמועסט אהין, ביז עס ענדיגט זיך. מען דארף זיך נישט אזוי שטארק מצמצם זיין, און ארייגלייגן, יענער זאל מיך אויסהערן, יענער זאל מיך נישט אויסהערן. אזוי איז די נאטור פון מענטשן, מען הערט האלבע זאכן. אמאל איז דא א שיינע

מעשה וואס אינטערעסירט, אמאל איז דא וואס אינטערעסירט נישט, עס איז נארמאל. דאס דארפסטו זיך אריינלייגן אין קאפ.

אבער פון די אנדערע זייט דארפן מענטשן וויסן און פארשטיין, אונז האבן מיר עס שוין אסאך מאל געזאגט אויף די שיעורים, אונז האבן אסאך שיעורים אויף דעם. די נאטורליכע וועג וויאזוי מענטשן רעדן איינער צום צווייטן, די הארץ שפראך, און די נאטורליכקייט, דאס איז די שענסטע און די רואיגסטע שפראך, וואס ברענגט די מערסטע אהבה שלום וריעות, וואס יעדער האט הנאה. ווען א מענטש הייבט אן טראכטן ווען ער רעדט צו מיר: רעד איך מיט גענוג דרך ארץ? רעד איך גענוג שיין? פארשטייט ער וואס איך זאג? ער כאפט וואס איך זאג? קוק איך אים גענוג אין אויג אריין? און די אלע זאכן - דער מענטש וואס עס שטייט קעגן דיר, שפירט אז דו ביסט אין אן אומבאקוועמע פאזיציע, ער ווייסט נאר נישט פארוואס, און ער ווערט אזוי אנגעצויגן דערפון. ער מיינט אז דו ביסט עפעס נישט צופרידן פון אים. דאס גייט ווי א גלגל החוזר, יענער הייבט אן פראבירן דיך צופרידן צושטעלן, און דו הייבסט אן יענעם צופרידן צושטעלן, און די שמועס לאזט זיך אויס מיט א בוידעם קלאץ.

די נאטורליכקייט פון מענטשן האט א חן. יעדער מענטש האט אנדערע נאטורן, יעדער מענטש האט א אנדערע וועג פון רעדן, און אן אנדערע וועג פון קוקן. איינער קוקט אין אויג אריין, און איינער קוקט זייטיג, איינער קוקט יעדע אנדערהאלבן מינוט יענעם אין פנים, און איינער קוקט יעדע דרייסיג סעקונדעס. עס זענען דא מענטשן וואס שפרינגען ארום ווען מען רעדט, און עס זענען דא מענטשן וואס שטייען רואיג ווען מען רעדט. עס זענען דא מענטשן וואס האלטן אין איין שמייכלען, און עס זענען דא מענטשן וואס האבן א קאלטע טריקענע פנים. די אלע זאכן האט דער הייליגער באשעפער באשאפן מענטשן'ס טבע. אוודאי פאר זיך קען א מענטש הארעווען, אבער נישט בשעת דו שטייסט מיט א צווייטער מענטש. בשעת דו שטייסט מיט א צווייטער מענטש, זיי נאטירלעך, ער וועט זיך שוין אן עצה געבן מיט דיינע נאטורליכע אופנים וויאזוי דו שטייסט קעגן אים. דאס איז א יסוד וואס מענטשן דארפן נעמען בין אדם לחבירו: עס איז בכלל נישט קיין נפקא מינה וואס יענער טראכט, און עס איז אויך נישט קיין נפקא מינה וואס דו טראכסט, זיי נאטורלעך, און יענער וועט זיין נאטורלעך, דאס איז די רואיגסטע און די געשמאקסטע שמועסן וואס צוויי מענטשן קענען האבן איינער מיטן צווייטן. די איבריגע זאכן וועט איר הערן אויף די אנדערע שיעורים אויף די ליניע.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com